דער רבי צוגאַסט אין אַ שטעטל

(פרייטאג־צו־נאַכט אין אַ שול).

מורא׳דיקע פרייד אויף די ליכטיקע לאָמפּן,
אויף די פינסטערע פענסטער.

מ׳רעדט ניט און ער רוישט, —
יאָנטעווו רוישט;
ער איז דאָ! ער איז דאָ!

דאָרט — אויבנאָן — זיצט דער רבי.

אַ פולע שול מיט מענטשן.
מענטשן — שטאַנגען, —
רירעוודיקע פלעקן.

פּלייצעס.
אויגן.
היטלען.
גאַרנדיקע אויגן:

אוי פּרנסה און עפּעס נאָך.

דער רבי זאָגט שלום־עליכם

דעם רבינס קול איז דין.
קוים וואָס מען קען דאָס אָנרירן.

ס׳איז איין אַליין.

פּאַמעלאַכן ציט זיך דאָס.

פון זייער ווייט — און ציטערדיק.

מיוחס׳דיק — און מיט גרויס רחמנות.

שו—לוים—אַליי—כעם,—מאַל—אַכיי—אַשו—לוים, —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

מאַל—אַכיי—על—יון,—מימיי—לעך—מאַל—כיי—
אַמלו—כים,
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

אקו—דיש—בו—ריך
הוא. — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

די חסידים זאָגן איבער דעם פסוק

אַלערליי קולות יאָגן זיך איינע איבער די אנדערע.

קולות — ווייגנדיקע וואָלקנס.

תוהו ובוהו רייסט זיך אין דער לופט.

ווייסע ווענט — וויגן זיך.

קעפּ — וויגן זיך,
רייסן זיך פון די העלזער
און קענען זיך ניט אַוועקרייסן.

ס׳איז אַ וואָג, אינגאַנצן.

וויג זיך! וויג זיך! וואָג!

די פענסטער גלאָצן און שרייען דאכט זיך אויך.

מ׳איז אַלע איינס
און מ׳איז באַזונדער

איין חסיד זאָגט שלום־עליכם

א שטרייגנער.
א גראָבער חסיד —
זיין קול איז אויך אזוי.

גוטערהייט איז ער בייז.
שטילערהייט רעדט ער אינדערהויך.

אז מ׳מיינט גוט — מוז מען זיין שלעכט.
אז מ׳וויל עפּעס — מוז מען עס אויסשרייען.

אפילו ווען ער שווייגט — דאַכט זיך אז ער ברומט.
אזוי ווי דאָס טיפע שווייגן אין א ברונען.

נעבן אים איז דאָס לעבן א גוואַלד.
סאַ מחיה צו לעבן אז סע פאַלט אַזש א פּחד.

ער גלאָצט צום פינסטערן פענסטער
און ער שטורמט צו דער בלינדער וועלט :
שלום עליכם, מלאכי השלום, מלאכי עליון,
ממלך מלכי המלכים,
הקדוש—ברוך—
הוא! — —

אַ צווייטער חסיד זאָגט שלום-עליכם

אַן אָרים חסיד׳ל,
ער זיצט אויף אַ זייט,

זיין לעבן איז אויך אויף אַ זייט.

געדאַרפט זיין בעסער, אָבער ס׳איז נים.

זיינע אויגן זיינען שוין מיד פון אויסקוקן, פון וואַרטן,
קוקן זיי אַראָפּ.

שטילינקע טייבעלאך זיינען זיי.
שלעפעריקע טייבעלאך.

אַן אָרים אידעלע —
אַן אָרים שלום עליכם׳ל.

ער קלעטערט צו גאָט אויף וואַקלדיקע טרעפּ
פון טריבע טענער אַרויף.

צו הקדוש ברוך הוא, קומט ער מיט אַ טענה,
מיט אַ באַזונדערן וועג.
זיין קול פאַרקערעוועט זיך אויף אַ זייט —

און זיין גאַנצער שלום עליכם זעט אויס ווי אַ געדרוקטער „ד“

(לייכען שלום עליכם פון אונטן אַרויף)

הקדוש — ברוך — הוא.
המלכים
מלכי
ממלך
עליון
מלאכי
השלום
מלאכי
עליכם
שלום

ער טראַכט מסתמא דלות;
איך האָב אַ ווייב מיט קינדער
און איך דאַרף פּרנסה און איך האָב ניט —
הקדוש ברוך
הוא.

אַ דריטער חסיד זאָגט שלום־עליכם

א ברייטער חסיד, קיין בייז אויג זאָל אים ניט זיין.

איין האַנט דאָ, די אַנדערע האַנט דאָרט,
אויפ'ן טיש האַלט ער זיי.
ער האַלט זיי ניט — זיי ליגן אַליין;
אַזוי ווי שווערע שטיקער בליי ליגן זיי.

דער קאָפּ איז מיד,
דאָס האַרץ איז מיד.
ער דרייט מיט'ן קאָפּ אויף ניין.
נישטאָ קיין כח.

דער ברייטער איד האָט נישט קיין כח —
אפילו אָטעמען האָט ער נישט קיין כח —
סאָפּעט ער אויפ'ן קול...

ס'איז אים הייס... האָ־האָ־האָ־האָ־האָ.

דער איד איז היינט געווען אין מרחץ — אוי.
ס'איז אים געווען גוט — אַי, אַי, אַי.
ס'איז אים געווען שוין איינמאָל — הו הו הו.

איצטער — האַ!
ער קוקט אויף די חסידים — האַ!
ער קוקט אויף דער סטעליע — האַ!

אַ געזונטער נעבאַך אויף אים.
אַ געשמאַקער ווי אויף אים.

ס'איז אים גוט און ס'איז אים שלעכט.
ס'איז אים ביידע אינאיינעם.

ס'איז אים בעסער נאָך פון גוט.
ס'איז אים ערגער נאָך פון בעסער.

ס'איז אים איבער...

ס'איז אויף אים אַן עיבור.

אַן אַריבער.

אַ חיבור.

גאָט אַליין איז אסור חיסור...

השי״ת איז אַ כפל כפלים...

ביים רבונו של עולם איז נישטאָ קיין חילוק...

— ער ווייסט נישט וואָס ער טראַכט. —

זיין שטערן איז באַזעצט מיט רעדעלאך,
אַ סך רעדעלאך,
אַזוי ווי אַ פענסטער אין אַ רעגן.
אַזוי ווי רויגן אין אַ הערינג.
אַזוי ווי אויגן אין אַ חתונה-יויך.

ער ווישט זיך מיט דער רויטער פאַטשיילע,
מיט'ן אַרבל פון דער זיידענער קאַפאָטע.

הו! נאָר גיי וויש אָפּ אַ קוואַל.
זיי אַ בריה און טריקן אוים א קוואַל.

ער הויבט אויף א האַנט און באַטראַכט זיינע פינגער
ווי מ'באַטראַכט אַן אתרוג,
ער לאָזט פאַלן די האַנט צוריק אויפ'ן טיש.
זאָל זי ליגן.

ס'איז אים ענג דעם ברייטן אידן.
ער וואָלט וועלן אַז קיינער זאָל דאָ נישט זיין.
מען זאָל יאָ זיין, אָבער ניט אַזוי פיל...

ער וואָלט וועלן די קליידער זאָלן פון אים אַראָפּשפּרינגען.
פריער די קאַפּאָטע,
דערנאָכדעם די קאַמזויל,
דערנאָכדעם דאָס הע —
דערנאָכדעם די הוי —
דערנאָכדעם —
האָ, האָ, האָ, האָ!

זעקס טעכטער האָט ער געהאַט דער איד,
און פיר זין האָט ער געהאט דער איד.
האָט ער שוין אַכט חתונה געמאַכט —
צוויי טעכטער וואַרטן נאָך ביי אים.

ער ציט דעם אָטעם באַרג אַרויף
און ער לאָזט פאַלן מיט'ן אָטעם באַרג אַראָפּ:
מסתמא וועט גאָט העלפן — האָ, האָ, האָ.

דערווייל איז דאָ דער רבי זאָל לעבן,
און דערווייל דאַרף מען זאָגן שלום עליכם.

ער פאַרוואַרפט דעם קאָפּ איבער זיך און ער וויגט אים.
און קוים מיט אַמאָל וואָס ער זאָגט אַרוים—אַזוי ווי אַ חלוש,
האָ, האָ, האָ, האָ, האָ.

און ער רוט זיך אָפּ ביי יעדער סטאַנציע:

שלום עליכם—אין צפון זייט. מלאכי השלום—אין דרום זייט.
מלאכי עליון—אין צפון זייט. ממלך—אין דרום זייט.
מלכי המלכים — אין צפון זייט. הקדוש ברוך הוא —
צום מזרח.
ער שאָקלט מיט'ן קאָפּ אויף יא. ער איז מסכים:
הקדוש! ברוך!
הוא!